**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/10/2026 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול מעלדט ניו יארק סטעיט וועט זיך אנשליסן אין וועלט געזונטהייט ארגענעזאציע'ס גלאבאלע אויסברוך אלערט און אנטווארט נעטווארק**

***ניו יארק פארברייטערט גלאבאלע געזונטייהט פירערשאפט דורך זיך אנשליסן אין WHO'ס אינטערנאציאנאלע אנטווארט נעטווארק***

גאווערנער Kathy Hochul (האקול) האט היינט געמאלדן אז די ניו יארק סטעיט דיפארטמענט פון געזונטהייט (Department of Health) האט זיך אפיציעל אנגעשלאסן אין די וועלט געזונטהייט ארגענעזאציע'ס (WHO) גלאבאלע אויסברוך אלערט און אנטווארט נעטווארק (GOARN), פארשטערקערנדיג די סטעיט'ס ראלע אין גלאבאלע פובליק געזונטהייט צוגעגרייטקייט און אנטווארט.

"ניו יארק האט אייביג געפירט אין פובליק געזונטייהט און זיכערהייט און יעצט טוהן אונז אונזער טייל צו באשיצן לעבענס אין די צייט וואס די פעדעראלע רעגירונג לייגט די געזונטהייט פון אמעריקאנער אינטער ריזיקע," **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "דורך זיך אנשליסן אין GOARN, טיילן אונז מיט אונזער עקספערטיז, לאבאראטאריעס און שטארק פעיגע ארבעטסקראפט צו אויפכאפן און אפענטפערן צו אויסבראון איבערן וועלט אין די צייט וואס העלפענדיג פארמיידן גלאבאלע געזונטהייט דראונגען פון דעגרייכן ניו יארק סטעיט און די פאראייניגטע שטאטן. באשיצן ניו יארקער מיינט באשיצן געמיינדעס איבעראל - איך וועל אייביג זיך אנעמען פאר די געזונט און זיכעהייט פון אונזער סטעיט און לאנד."

אין יאנואר, האט די Trump (טראמפ) אדמיניסטראציע ארויסגעצויגן די פאראייניגטע שטאטן פון WHO, איינשטעלענדיג די לאנד'ס גלאבאלע געזונטהייט זיכערהייט און גרייטקייט צו אפענטפערן צו צוקונפטיגע פאנאדעמיעס.

**ניו יארק סטעיט געזונטהייט קאמיסיאנאר דר. James McDonald (דשעימס מקדאנאלד) האט געזאגט,** "זיך אנשליסן אין GOARN ווייזט ניו יארק'ס פארפליכטונג צו שנעלע, קאארדינירטע אנטווארט צו פובליק געזונטהייט דראונגן. דורך די צוזאמארבעט, אונז וועלן מיטטיילן אונזער עקספערטיז, צושטעלן לאבאראטאריע שטיצע, פארשטערקערן אנטצינדונג קאנטראל און העלפן פארוואלטן פובליק געזונטהייט עמערדשענסיס איבערן וועלט,"

GOARN, קאארדינירט דורך די וועלט געזונטהייט ארגענעזאציע, איז א גלאבאלע נעטווארק פון איבער 300 טעכנישע אינסטיטוציעס און נעטווארקס וועלכע שטעלן צו א שנעלע אויסברוך אויפכאפונג, ווערעפיקאציע און אנטווארט. עס שטיצט לענדער מיט טעכנישע עקספערטיז, לאבאראטאריע קאפאציטעט און אפערירונג קאארדינאציע צו פארמינערן פובליק געזונטייהט דראונגען.

די ניו יארק סטעיט געזונטהייט דיפארטמענט, אוועקגעשטעלט אין 1901, איז איינס פון די פאלק'ס עלטסטע און גרעסטע סטעיט געזונטהייט דיפארטמענטס, איבערזעענדיג קראנקהייט באוואכונג, עמערדשענסי צוגעגרייטקייט, ענוויראמענטאלע געזונטהייט, מאטערנאל און קינדער געזונט, כראנישע

קראנקהייט פארמיידונג און רעגיולירונג פון העלטקעיר איינריכטונגען. איר Wadsworth Center שטעלט צו פארגעשריטענע דיאגנאסטיק טעסטס, דשענאמיק סעקיוענסינג, אמטימיקראבאל ריזיסטענס באוואכונג און רעפערירונג סערוויסעס וועלכע וועלן יעצט שטיצן GOARN אפעראציעס אינטערנאציאנאל.

די מיטארבעט וועט ערמעגליכן די ידיפארטמענט פון געזונטייהט צו צושטעלן טעכנישט הילף, שטיצן קאפאציטעט-בויען איניציאטיוון, פארשטערקערן ריזיקע קאמיוניקאציע באמיהונגען און קאארדינירן מיט אינטערנאציאנאלע פובליק געזונטייהט מיטארבעטער.

די צאמארבעט וועט אויך צושטעלן פאר ניו יארק סטעיט מיט פריער צוטריט צו גלאבאלע אויסבורך אינטעליגענץ, פארבעסערן ארבעטסקראפט עקספערטיז דורך עכטע-וועלט אנטווארט ערפארונג, פארשטערקערן לאבאטאריע און באוואכונג מעגליכקייטן און פארבעסערן צוגעגרייטקייט פאר ארויסקומענדע און ווידער-ארויסקומענדע פובליק געזונטהייט דראונגען, ווייטער באשיצענדיג די געזונטהייט פון ניו יארקער.

אינטער גאווערנער Hochul'o (האקול) פירערשאפט, ניו יארק איז פארבליבן פעלזן פעסט אין באשיצן די געזונטהייט פון ניו יארקער אינערהאלב סיגניפישע פעגעראלע טוישונגען.

אין סעפטעמבער 2025, גאווערנער Hochul (האקול) [האט אינטערגעשריבן אן עקזעקטיוויע באפעל](https://www.governor.ny.gov) צו פארזיכערן אלע ניו יארקער האבן צוטריט צו די אפדעיטעד 2025-26 קאוויד-19 וואקסין.

אין אקטאובער 2025, גאווערנער Hochul(האקול) האט זיך אנגעשלאסן אין די [גאווערנער'ס פובליק געזונטהייט פארבאנד](https://www.governor.ny.gov), אן אומפארטייישע קאליציע געשאפן צו באשיצן פובליק געזונטייהט איבערן לאנד. דורך די פארבאנד, ניו יארק געט צו צו א קאארדינירטע, צווישן-סטעיטס האב וועלכע פארבינדט גאווערנער'ס, פובליק געזונטהייט פירער און די גלאבאלע געזונטהייט געמיינדע.

אין יאנואר 2026, די דיפארטמענט, צוזאמען מיט די ניו יארק סיטי דיפארמענט פון געזונטהייט און גייסטישע היגענע (Department of Health and Mental Hygiene), [האט ענדארסירט](https://www.governor.ny.gov) די 2026 קינדעריארן און צענערליג אימיוניזאציע פלאן רעקאמענדירט דורך די אמעריקאנער אקאדעמיע פון פעדיארטיקס. די באווייז-באזירטע פלאן באשיצן אקעגן 18 פארמיידבארער קראנקהייטן, אריינגערעכנט RSV, העפעטייטיס A טון B, ראטאווירוס, אינפלוענזא און מעניגאקאקאל קראנקהייט.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: [ny.gov/signup](https://ny.gov/signup) | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

[זיך ארויסשרייבן](#)